סֵפֶר

# צַוָואַת מוֹהַרָ"אשׁ

דָאס אִיז מַיין צַוָואָה וָואס אִיךְ לָאז אִיבֶּער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער, אוּן פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּיי מִיר מַמָשׁ אַזוֹי וִוי מַיינֶע קִינְדֶער. אִיר זָאלְט אַייךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דָא, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, צוּ זַיין פַאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס דָא אִין "יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלַב", הַיינְט כ"א אִיָיר תשמ"ח, וֶוען עֶס אִיז מַיין גֶעבּוּרְטְס-טָאג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי אַכְט אוּן פֶערְצִיג יָאר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן נָאךְ לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארֶעכְטְן מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# אַרֵיינְפִיר

## גְדוֹלָה מִיתַת צַדִיקִים כִּשְׂרֵיפַת בֵּית אֱלֹקֵינוּ

כְּלַל יִשְׂרָאֵל בִּכְלַל און אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בִּפְרַט זֶענֶען טִיף דֶערְשִׁיטֶערְט און צוּבְרָאכְן פוּן דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"ש זַצַ"ל, וֶועלְכֶע אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אַזוֹי פְּרִיצַייטִיג, און אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין "כַּצֹּאן בְּלִי רוֹעֶה" – וִוי שָׁאף אָן אַ פַּאסְטוּךְ.

וֶוער גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט, וֶוער וֵוייסְט דֶען נִישְׁט, וִויפִיל חִיזוּק און הִתְעוֹרְרוּת מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש דִי אַלֶע יָארְן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ

זַיין בַּיי אִים און צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים. וִויפִיל כּוֹחוֹת און צַייט מוֹהַרָא״ש הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אוּנְז צוּ לֶערְנֶען און אוּנְז צוּ פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס און וִויסְן וָואס צוּ טוּן אִין סֵיי וֶועלְכֶע סָארְט מַצָב. וִויפִיל מוֹהַרָא״ש הָאט גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט אוּנְז דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע לִמוּדִים און עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט עֶס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אוּנְזֶער שְׁטַאפְּל אַז מִיר זָאלְן עֶס אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין און וִויסְן וִוי אַזוֹי עֶס צוּ נוּצְן אִינֶעם פְּרַאקְטִישְׁן לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהַרָא״ש, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר. מוֹהַרָא״ש הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים און זַיינֶע לִמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן און אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, און דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי

מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ב) **אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים,** אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן מוֹהֲרָא״ש הָאט מֶען גֶעפִינֶען אִין זַיין שְׁטוּבּ אִין יַבְנְאֵל דִי צַוָואָה וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶנְדִיג אַכְט אוּן פֶערְצִיג יָאר אַלְט, וִוי אַזוֹי מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אִים נָאךְ זַיין פְּטִירָה, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן פַארְלַאנְגְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף הָאבְּן מִיר דָאס אִיבֶּער גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף אִידִישׁ אַז יֶעדֶער זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען דָאס פַאר אַייךְ אִין דֶעם קוּנְטְרֵס. מִיר וֶועלְן דָאס לֶערְנֶען אוּן חַזֶר׳ן, אוּן מִיר וֶועלְן

פְּרוּבִּירְן מְקַיֵּים צוּ זַיין אַלֶעס וָואס מוֹהַרָא"ש בֶּעט פוּן אוּנְז, אוּן דַאן וֶועלְן מִיר וַוייטֶער מַצְלִיחַ זַיין אַזוֹי וִוי וֶוען מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעלֶעבְּט.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר צוּגֶעלֵייגְט דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי בְּרִיוְון וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פַאֲרְן הִסְתַּלְקוּת.

בָּרוּךְ ה' אַז דִי תַּלְמִידִים פוּן מוֹהַרָא"ש הַאלְטְן זִיךְ וַוייטֶער אִינְאֵיינֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק, מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז אֵייבִּיג גֶעבֶּעטְן אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי דָאזִיגֶע צַוָואָה.

דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ" אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייעֶן וַוייטֶער אָן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען חַזֶר'ט דָאס וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט

אַלֶע יָארְן. וֶוען מוֹהַרָא״ש אִיז גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם ווִינְטֶער אִין יְשִׁיבָה צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע און ווִיכְטִיגֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן צוּזַאמֶען, און נָאר אַזוֹי וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי לִמוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועג וָואס מוֹהַרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ר״ט): ״אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן״. אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַארְפְן מִיר דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן אוֹיךְ פַּאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. און מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף הָאבְּן מִיר טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ נֶעץ פוּן מוֹסְדוֹת, אַ יְשִׁיבָה פַּאר דִי בָּחוּרִים, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה און אַ

מֵיידל שׁוּלֶע פַאר דִי קִינְדֶער. אִין דִי מוֹסְדוֹת זֶענֶען מִיר מְחַנֵךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן שׁוֹין פוּן דִי יוּגְנְט מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ אַ זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער צוּ אַ זַאךְ וָואס מֶען לֶערְנְט וֶוען מֶען אִיז נָאךְ יוּנְג, וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן וֶוערְט דָאס גוּט אַרַיין גֶעקְרִיצְט בַּיי זֵיי אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן דָאס וֶועט זֵיי הֶעלְפְן אוּן בַּאגְלֵייטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְן.

אוֹיךְ פַאר אִינְגֶעלַייט זֶענֶען דָא שִׁיעוּרִים, מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי׳נְס עֵצוֹת, אוּן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם בְּדִיבּוּק חֲבֵרִים.

אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס וֶוערְט גֶעגֶעבְן שִׁיעוּרִים דוּרְךְ חָשׁוּבֶע פְרוֹיעֶן רֶעדְנֶערְס פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן מֶען שְׁטַארְקְט

זיך צוּזַאמֶען זיך צוּ הַאלְטְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע לְמוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דְרוּקֶערַיי, דֶער בֵּית הַדְפוּס "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ" בְּרֶסְלַב, אִין וֶועלְכֶע עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים יֶעדֶע וָואךְ אוּן דָאס וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער אַלֶע גֶעגֶענְטֶער וִוי עֶס גֶעפִינֶען זיך אִידְן, אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה אַז עֶר בֶּעט יֶעדְן אַז מֶען זָאל דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן עֶס צוּשְׁפְּרֵייטְן.

אוּן דִי צַוָואָה גֶעבְּט מוֹהַרָא"שׁ אַ צוּזָאג אַז וֶוער עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן צוּ דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים וֶועט זִיכֶער זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס עֶר דַארְף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן וַוייטֶער זיך שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין, מִיר זָאלְן זיך הַאלְטְן

אִינְאֵיינֶעם בַּיים רֶבִּי׳ן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים, מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְּ דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֶס מְקַיֵּים זַיין, אוּן דַאן וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# צַוָואַת מוֹהַרָא״ש

## א.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, און מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים און פְּרוּבִּירְן צוּ פָּאלְגְן מַיינֶע רֵייד; בָּרוּךְ ה׳ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם טָאג, כ״א אִיָיר תשמ״ח, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַכְט-און-פֶערְצִיג יָאר אַלְט. אִיךְ

וַוייס נִישְׁט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען מַיין צַייט צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, דֶעריבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אָפְּצוּשְׁרַייבְּן דִי דָאזִיגֶע צַוָואָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית י״ח, י״ט) ״כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה׳ לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט וְגוֹ׳״ – אַ אִיד דַארְף אָפְּשְׁרַייבְּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן צוּ טוּן. אוּן אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט טוּן מִיט מִיר אַ חֶסֶד שֶׁל אֱמֶת, אוּן מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דָא, אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט פָאלְגְן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ, וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן דֶערוֹיף, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## ב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר גָאר גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, נָאךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר בְּמֶשֶׁךְ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן, בִּין אִיךְ עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען ״אֶל הַמְנוּחָה וְאֶל הַנַּחֲלָה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁטָאט ״יַבְנְאֵל״. מַיין גַאנְצֶע ווִילְן אוּן הָאפֶענוּנְג אִיז אַז דֶער שְׁטָאט זָאל וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטָאט, דָא זָאלְן קוּמֶען וואוֹינֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָא זָאל זַיין אַ שְׁטָאט פוּן תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צְדָקָה אוּן חֶסֶד. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל דָאס נָאךְ קֶענֶען זֶען בַּיי מַיין לֶעבְּן מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגְן. אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ

עֶרְפִילְן מַיין ווילְן און קוּמֶען דָא וואוֹינֶען. און אִיךְ זָאג צוּ פַאר יֶעדְן מֶענְטְש וָואס וֶועט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין יַבְנְאֵל, אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה, עֶר וֶועט הָאבְּן בְּרֵייט פַּרְנָסָה, און עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט זֶען אַסַאךְ עֶרְלִיךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ.

## ג.

אַזוֹי ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב גֶעבּוֹיעֶט דָא מַיין הוֹיז, און דֶעם קְלֵיינֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ און מִקְוֶה טַהֲרָה, ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דָאס זָאל בְּלַייבְּן פַארְן בַּאנוּץ פוּנֶעם רַבִּים, אוֹיף קַיין שוּם פַאל זָאל מֶען עֶס

נִישְׁט פַאְרְקוֹיפְן. דָאס הוֹיז הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן מִיט אָפֶענֶע גְרוֹיסֶע נִסִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דָאס הוֹיז זָאל זַיין דִי אַכְסַנְיָא פַאר ״מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ״ וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אוּנְז שִׁיקְן בְּקָרוֹב אִין דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט. אוּן ״מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ״ וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן דָא אִין גָלִיל הַתַּחְתּוֹן אִין ״יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלַב״.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער, אַז אִיר זָאלְט נֶעמֶען דִי אַחְרַיוּת אוֹיף זִיךְ. אִיר קֶענְט נוּצְן דָאס הוֹיז, אִיר קֶענְט דָארְט אַיינְשְׁטֵיין אָדֶער וואוֹינֶען, אָבֶער בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט פַארְקוֹיפְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט כַאפְּן דָאס הוֹיז אוּן קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת אַז עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען

בִּירוּשָׁה. דָאס הוֹיז גֶעהֶערְט פַאר אַייךְ אַלֶע צוּגְלַייךְ, און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט דִי רֶעכְט דָאס צוּ נֶעמֶען נָאר פַאר זִיךְ.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ בּוֹיעֶן נֶעבְּן דָאס הוֹיז אַ רִיזִיגְן בֵּית הַמִדְרָשׁ פַארְן רַבִּים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט. און אוֹיךְ דֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאלְט אִיר נִישְׁט פַארְקוֹיפְן, און אִיר זָאלְט עֶס נִישְׁט נוּצְן פַאר אֵייעֶר פְּרִיוַואטֶע בַּאנוּץ, דָאס אִיז נָאר פַארְן זְכוּת הָרַבִּים אַז עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ דַאוֶוענֶען און צוּ לֶערְנֶען.

אוֹיךְ הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן צְוֵויי סִפְרֵי תּוֹרָה, אֵיינְס פַאר מַיין זְכוּת אוּן אֵיינְס פַאר מַיין וַוייבְּ׳ס זְכוּת. זָאלְט אִיר זֶען אַרִיבֶּער צוּ פִירְן דִי סִפְרֵי תּוֹרָה אַהֶער קַיין יַבְנְאֵל, אוּן דָא זָאלְן זֵיי בְּלַייבְּן, מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְקוֹיפְן פַאר קֵיינֶעם. דִי סִפְרֵי תּוֹרָה זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן נָאר פַארְן רַבִּים, אַז עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַאר אוּנְז.

ד.

וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, וְויל אִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען זָאל מִיר בַּאעֶרְדִיגְן דָא אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלַב, אִין דִי חֶלְקָה וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעוֶועלְט, אוּן

אִיךְ פְּלֶעג דָארְט גֵיין יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז פוּן דֶעם טָאג וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֶעכְצְן יָאר אַלְט, הָאב אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין מִינוּט אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶער עֶרְד. אִיךְ הָאב דָאס אֵייבִּיג גֶעהַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן. אוּן סְפֶּעצִיעֶל פוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען דָא אִין יַבְנְאֵל, הָאב אִיךְ נָאר גֶעטְרַאכְט וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט מִיר צוּם סוֹף, אוּן דֶערִיבֶּער פְלֶעג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֵיין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם

פְּלַאץ וואוּ אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט אַז מֶען זָאל מִיר דָארְט לֵייגְן.

מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים אוֹיבּ אִיר וֶועט בּוֹיעֶן אַן אוֹהֶל אוֹיף מַיין קֶבֶר. אִיר זָאלְט דָאס בּוֹיעֶן דַוְקָא מִיט אַ גֶעהֶעריִגֶע פַּארְמַאכְטְן דַאךְ, אַז וֶוער עֶס וֶועט וֶועלְן פּוֹעלְ'ן עֶפֶּעס אַ יְשׁוּעָה, אַ רְפוּאָה, אָדֶער סַיי וָואס, זָאל קֶענֶען אַהִין קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אִים אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל. אוּן סְפֶּעצִיעֶל מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס זֵיי

דַארְפְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס זֵיי דַארְפְן.

ה.

אִיךְ וִויל אַז מֶען זָאל בּוֹיעֶן אוֹיף מַיין קֵבֶר אַ הוֹיכֶע מַצֵּבָה, הֶעכֶער פוּן דִי הֵייעֶך פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּלֵייגְן אוֹיף מַיין קֵבֶר. עֶס זָאל זַיין אַ וַואנְט פוּן שְׁטֵיינֶער אַרוּם דֶעם קֵבֶר, אַזוֹי וִוי אִינֶעם בִּילְד:

**צֶען שׁוּרוֹת שְׁטֵיינֶער אַקֶעגְן דִי צֶען סְפִירוֹת**



אוּן עֶס זָאל זַיין אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף מַיין מַצֵּבָה דֶעם נוּסַח:

פה נטמן
החסיד האמיתי. עובד ה' בתמימות ובפשיטות,
מסר נפשו אליו יתברך בכל יום ויום, מיום
עמדו על דעתו, וסבל יסורים קשים ומרים
כל ימי חייו, רבים השיב מעוון וקירבם אליו
יתברך. העמיד תלמידים רבים. יראי ה' וחושבי שמו
בעל המחבר. ספרי שו"ת אשר בנחל
וספר שפת הנחל פירוש נפלא על כל ספר
הקדוש והנורא ליקוטי מוהר"ן לרבינו הקדוש
איש אלקים עיר וקדיש מן שמיא נחית בוצינא
קדישא רבי נחמן מברסלב זי"ע
וקיבץ וליקט ספרים רבים ונכבדים מדברי תלמידו
הקדוש והנורא אשר כל רז לא אניס ליה רבי
נתן מברסלב זי"ע והפיצם בכל קצווי תבל,
ובפרט את הקונטרסים המפורסמים שהחיו אלפים
ורבבות נשמות ישראל וחיזקו אותם לחזור בתשובה
אליעזר שלמה בן יהודה קדוש
נפטר ביום ... לסדר ... לחודש ... התש...

ת.נ.צ.ב.ה.

## דָא לִיגְט

אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוֹת, עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פוּן וֶוען עֶר אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִילֶע תַּלְמִידִים עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן יִרְאֵי ה׳.

עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי סְפָרִים ״שׁוּ״ת אֲשֶׁר בַּנַּחַל״, אוּן דֶער סֵפֶר ״שְׂפַת הַנַּחַל״ -אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ נַחְמָן מִבְּרֶסְלַב זי״ע הָאט גֶעמַאכְט. אוּן עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען גָאר אַסַאךְ חָשׁוּבֶע סְפָרִים פוּן דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי׳נְס תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלַב זי״ע, אוּן עֶר הָאט דָאס צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן סְפֶּעצִיעֶל דִי בַּאקַאנְטֶע קוּנְטְרֵסִים וֶועלְכֶע הָאבְּן מְחַיֶּה גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן אוּן זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

**אליעזר שלמה שם יהודי קדוש**

נפטר ביום ... לסדר ... לחודש ... ה׳תש ....

**ת.נ.צ.ב.ה.**

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע זַייט פוּן דִי מַצֵבָה זָאל מֶען שְׁרַייבְּן דִי שוּרוֹת:


אני מבטיח שכל בחור רווק
וכל בחורה רווקה, שידוכו'
יבאו לקברי, ויגמרו את כל
ספר תהלים מתחלה עד גמירה
לזכותי. אני אשתדל בכל
מה שבכחי אצל שימצאו
את זיווגם. וזה הבטחה
חזקה ממני.

אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֵבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג.

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מַיין מַצֵבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וָועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נֶפֶש רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט

קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעלְ׳ן בַּיי מַיין קֵבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֵבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַּאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֵבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיב וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם.

ו.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דְרוּקְן מַיינֶע פִילֶע סְפָרִים וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן. אִיךְ גֶעבּ דִי רֶעכְט פַּאר יֶעדְן אִיד צוּ דְרוּקְן מַיינֶע סְפָרִים, מֶען קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן אוֹיף מַיינֶע סְפָרִים ״כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת״ - אַז קֵיינֶער טָאר זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְדְרוּקְן. מַיינֶע סְפָרִים זֶענֶען אַ מַתָּנָה פַּאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער הָאט דִי רֶעכְט זֵיי צוּ דְרוּקְן, אוּן יֶעדֶער וָואס וֶועט זֵיי דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן וֶועט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ה׳ י״ח) ״כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא לְיָדוֹ״ - וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוערְט

גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת. אִיךְ בֶּעט אַייךְ נָאכְאַמָאל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דָאס דְרוּקְן מַיינֶע סְפָרִים, דִי רֶעכְט צוּ דְרוּקְן מַיינֶע סְפָרִים בַּאלַאנְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אֵיינִיג, עֶס אִיז נִישְׁט דָא בַּיי דֶעם קַיין אִיסוּר הַשָּׂגַת גְּבוּל, נָאר פַארְקֶערְט יֶעדֶער קֶען עֶס דְרוּקְן ״וְיַגְדִיל תּוֹרָה וְיַאְדִיר״.

ז.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת, אִיר זָאלְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אִיר זָאלְט פְּרוּבִּירְן

דַן צוּ זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת, אוּן עֶס זָאל הֶערְשְׁן צְוִוישְׁן אַייךְ גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט.

גֶעדֶענְקְט ווִיפִיל מְסִירַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פַאר יֶעדְן פוּן אַייךְ בַּאזוּנְדֶער, וְוִיפִיל טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ פַארְגָאסְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן פוּן אַייךְ. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זֶען זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ. אוֹיבּ אָבֶּער אִיר וֶועט זִיךְ קְרִיגְן צְוִוישְׁן אַייךְ, וֶועט מִיר דָאס מַאכְן גְרוֹיס צַעַר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה. דֶערִיבֶּער זֶעט צוּ טוּן מַיין וִוילְן אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ.

## ח.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל

נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקַייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הַנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

## ט.

איך בעט אייך זייער איר זאלט זיך גוט אריין נעמען אין קאפּ אַז איר האט נישט קיינעם אויף דער וועלט. קיין שום מענטש אויף דער וועלט קען אייך נישט העלפן, און זיכער קען קיינער אייך נישט שלעכטס טון. דעריבער זאלט איר נישט מורא האבן פון קיין שום מענטש, און איר זאלט זיך נישט חנפ'ענען צו קיין שום מענטש, ווייל דאס וועט אייך גארנישט העלפן.

פאַרקערט, דאס וועט אייך נאר שאטן צום געזונט, ווייל ווען מען פאַרלאזט זיך אויף מענטשן, און דערנאך זעט מען אַז יענער האט גארנישט געקענט העלפן, יענער איז בכלל נישט

אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶּער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

## י.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם סָארְט פָּאלִיטִיק.

כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער גֶעשְׁטֶעל, אוֹיב הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף אִידְן, צוּבְּרֶעכְט

מֶען מִיט דֶעם חֲלָקִים פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעשְׁטֶעל, אוּן דַאן קֶען צוּפַאלְן דֶער גַאנְצֶע בִּנְיָן, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיינְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אוּן פַארְקֶערְט וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ בְּשָׁלוֹם בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, שָׁלוֹם אִיז דִי כְּלִי וָואס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט אֵייבִּיג שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט אוּן אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אוֹיב מֶען וֶועט אַייךְ וֶועלְן אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז מַמָשׁ אַ מִצְוָה אוּן אַ חוֹב קָדוֹשׁ צוּ רוֹדְפְ׳ן אַ גֶעוִויסְן מֶענְטְשׁ, זָאלְט אִיר זֶען

צו אַנְטְלוֹיפְן פון די סָארְט מִצְוֹת, אִיר זָאלְט אַייך הַאלְטְן נָאר בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. און זִיכֶער זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אונְטֶערְשְׁרַייבְּן קֶעגְן קַיין שׁוּם אִיד, וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט אונְטֶער קֶעגְן אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין כְּלַל וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:) ״הַמַּגְבִּיהַּ יָדָיו עַל חֲבֵירוֹ נִקְרָא רָשָׁע״ - אֵיינֶער וָואס הֵייבְּט אוֹיף אַ הַאנְט אוֹיף זַיין חַבֶר הֵייסְט אַ רָשָׁע. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נְקָמָה נֶעמֶען אִין דֶעם וָואס טוּט דָאס, עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעריסְן פוּן די וֶועלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מַחְלוֹקֶת, רַייבֶּערֵייעֶן און טַעֲנָה׳רַייעֶן וָואס מַאכְט זִיךְ צְוִוישְׁן חֲסִידוּת׳ן אָדֶער צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע גְרוּפֶּעס און פַּארְטֵייעֶן. אִיר זָאלְט זֶען צוּ מְכַבֵּד

זַיין יֶעדְן אִיד, צוּ הַאלְטְן טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב יֶעדְן אִיד. אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן אוּן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט נָאר זוּכְן שָׁלוֹם אוּן אִיר וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר אִידְנְ׳ס וֶועגְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל אוּן עֶס וֶועט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוער עֶס פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן עֶר בֶּעט אוּן אִיז מִתְפַּלֵל פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

## יא.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט מַיין הַארְץ גֶעבְּרֶענְט אַז אִיךְ זָאל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען זַיין לִיכְטִיגְקַייט, זַיינֶע הֵיילִיגֶע לִמּוּדִים, אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. בָּרוּךְ ה׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרוּקְן אוּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳נְס סְפָרִים אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע פַארְנֶעם, מַיין גַאנְצֶע רָצוֹן אוּן שְׁטְרֶעבְּן אִיז נָאר גְרוֹיס צוּ מַאכְן דֶעם נָאמֶען פוּן רֶבִּי׳ן אוּן עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אָבֶער קֶענְן מִיר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דֶער ״סַמַךְ-מֶם״ אַלֵיין מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רְצִיחָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיטֶערֶע שׂוֹנְאִים, וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מִיר אוּן מִיר פַיינְט גֶעהַאט פַאר גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַבִּיסְל גֶעשְׁרִיבְּן דֶערְוֶועגְן אִין מַיינֶע סְפָרִים וֶועלְכֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, אוּן אִיךְ הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער בַּיי דֶעם וַוייל דָאס אִיז דֶער אֱמֶת, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ וָואלְט וֶועלְן גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז ״אֵין אָדָם מוֹרִישׁ שֶׁקֶר לְבָנָיו״ - אַ טַאטֶע וֶועט נִישְׁט אִיבֶּער גֶעבְּן קַיין

שֶׁקֶר פַּאר זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁרַייבְּט זַיין צַוָואָה, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ אַייךְ זָאגְן דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף מִיר, זָאל מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי זֵיי דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים יב ד) "יַכְרֵת ה' כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְדֹלוֹת, אֲשֶׁר אָמְרוּ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ" - זֵיי וֶועלְן אִינְגַאנְצְן פַאַרְשְׁנִיטְן וֶוערְן. אוּן זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאַרְגֶעבְּן וֶוערְן אוֹיף דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער "רְמָ"א" פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תר"ו) אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען יֶענֶעם נִישְׁט מוֹחֵל זַיין. דֶער "מָרְדְכַי" שְׁרַייבְּט אַז אוֹיבּ מֶען

לָאזְט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעבְּן - ״אֵין לוֹ מְחִילָה עוֹלָמִית״ עַיֵין שָׁם.

די מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיף מִיר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען הָאבְּן מִיט דֶעם גֶעמַאכְט אוּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז טוֹיזְנְטֶער אִידְן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, די מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס גֶעטוּן זֶענֶען ״חוֹטְאִים וּמַחְטִיאִים אֶת הָרַבִּים״, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער נְקָמָה נֶעמֶען פוּן זֵיי.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז די מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף מִיר זֶענֶען זֵייעֶר פָּגוּם, זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן זִיכֶער עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף

גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, אוֹיבּ הָאט עֶר גֶערֶעדְט אוֹיף מִיר וֶועט עֶר גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיט דִי הַארְבְּסְטֶע עוֹנְשִׁים.

מִיט-דֶעם-אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט נָאר שְׁטִיל שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַּאר דִי וָואס הָאבְּן מִיר פַּארְשֶׁעמְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיכֶער גֶערֶעכְט מִיט אַלֶעם וָואס עֶר טוּט, אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָאס טוּ אִיךְ טַאקֶע, יֶעדְן טָאג טוּ אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, וַוייל נִישְׁט אוּמְזִיסְט רוֹדְפְ׳ט מֶען מִיר.

וָואס טוּ אִיךְ דֶען? אִיךְ בִּין נָאר מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוֹיף אַזַא וֶועג אַז אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער אוּן נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי מִדַת הַדִין מְקַטְרֵג אוֹיף מִיר, אוּן דִי מִדַת הַדִין גֵייט אַרַיין אִין דִי רְשָׁעִים וֶועלְכֶע טְשֶׁעפֶּענֶען מִיר אוּן קְרִיגְן אוֹיף מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף נָאר טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה. וַוייל אוֹיף צוּ קֶענֶען מְגַלֶה זַיין דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זְכִיָה פוּן הִימְל.

אָבֶּער פוּן אַייךְ בֶּעט אִיךְ אַז אִיר זָאל נָאר אָפְּשְׁוַוייגְן, אִיר זָאלְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן

פַאר דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן מִיר, זֵיי וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְן, וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף מִיר וֶועט שׁוֹין כַאפְּן זַיינְס, פְּרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער.

## יב.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אִיר זָאלְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר מַאמֶע-לָשׁוֹן, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רוּפְט דֶער רֶבִּי זַ״ל אָן ״הִתְבּוֹדְדוּת״, דָאס מֵיינְט זִיךְ אוֹיס צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְש טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט עֶר אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן נִישְׁט בְּרוּחֲנִיוּת אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, וֶועלְכֶע קֶענֶען סֵיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, סֵיי דִי וֶועלְט אוּן סֵיי יֶענֶע וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועם זִיךְ צוּ וֶוענְדְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קֶען אוּנְז נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן אִין פַאל פוּן אַ צָרָה אִיז נָאר צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט און סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי אֵלִיָהוּ הַנָבִיא זָאגְט (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ פֶּרֶק ג') "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם מְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁמַּגִּיעַ אֶל בֵּית עוֹלָמוֹ" - דָאס רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ. וַוייל אוֹיב גְלֵייבְּט עֶר אַז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעפִירְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט, און אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט

גוט, וֵוייסְט עֶר און עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער עֶפֶּעס אַ גוּטֶע חֶשְׁבּוֹן מִיט דֶעם, דָאס אִיז זִיכֶער פַּאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן, חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י׳.) ״אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָה מוּנַחַת עַל צַוָארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים״ - אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. תְּפִלָה הֶעלְפְט שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶע׳חַתְמְ׳ט אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען עֶס אוֹיךְ טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָה, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

אָבֶער צוּ תְּפִלָה דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַסאַךְ סַבְלָנוּת, אַסאַךְ גֶעדוּלְד. מֶען דַארְף בֶּעטְן אַסאַךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַן אָרִימַאן בֶּעט זִיךְ אַ מַתְּנַת חִנָם, נִישְׁט וַוייל עֶס קוּמְט זִיךְ אִים. מֶען דַארְף בֶּעטְן מִיט גֶעדוּלְד אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוּן אוֹיב הָאט מֶען גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן, מֶען וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת חוּץ לַדֶרֶךְ הַטֶבַע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זֶען דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, אִיר זָאלְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט

אִיר נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נִישְׁט בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז יֶעדֶער זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דַאן וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה, יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין סֵיי וִוי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הֵייבְּט שׁוֹין יֶעצְט אָן דָאס צוּ טוּן, וֶוען עֶס אִיז נָאךְ יָא דָא אַ בְּחִירָה. וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

יג.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען מַיינֶע סְפָרִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אִיר זָאלְט אַייךְ גוּט אִיבֶּער קְלֶערְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר אוֹיף דִי וֶועלְט. וֶוען מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין אִין דָאס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן לוֹיפְט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַן אוֹיגְן בְּלִיק, וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְּלִיעט דוּרְךְ, אָט אִיז מֶען דָא אוּן אָט גֵייט מֶען שׁוֹין צוּרִיק אִין דֶער עֶרְד.

אוּן דַאן, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דִי

גוטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןאַרַיינְצוּכַאפְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') "אֵין מְלַוִין לוֹ לְהָאָדָם לֹא כֶסֶף וְזָהָב, וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד" - עֶס בַּאגְלֵייט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אוּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע דִיאַמַאנְט שְׁטֵיינֶער, נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס אִיז דֶער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד", וָואס דוּרְךְ דִי גְרִינְגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ גֵיין אוּן דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן מַמָּשׁ אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן

גְמָרָא, אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, דֶעם גַאנְצְן רַמְבַּ״ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע סָארְט מִדְרָשִׁים, דִי גְרוֹיסֶע מִדְרָשִׁים אוּן דִי קְלֶענֶערֶע, סִפְרָא, סִפְרִי אוּן מְכִילְתָּא, אַלֶע סִפְרֵי הַזוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן תִּקוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי אֲרִיזַ״ל, אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר, אַלֶע סִפְרֵי פּוֹסְקִים, אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט אַרייְנְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דָאס וֶועט אִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דָאס אִיז אֵייעֶר עַשִׁירוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט

גֶעמָאסְטְן לוֹיט וְויפִיל תּוֹרָה עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, לוֹיט וְויפִיל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלַייסְט צוּ לֶערְנֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי תּוֹרָה אִיז דִי חָכְמָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה, נֶעמְט עֶר אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס חָכְמָה, אוּן דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאר טוּן. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע זַאךְ וְוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, חֲזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) ״אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ד ב) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ״ - עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע זַאךְ אַזוֹי וְוי תּוֹרָה. אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נָאר חָשׁוּב תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, זֶעט צוּ בַּאשְׁטִימֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ אַרָאפּ גַנְבְ׳עֶנֶען צַייט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, גֶעדֶענְקְט גוּט אַז נָאר דָאס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אַייךְ. וִויפִיל מֶען כַאפְּט אַרַיין אִיז גוּט, ״אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אֶת לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם״. זֶעט צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְבְּרֶענְגֶען דִי טַייעֶרֶע צַייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן, וִוי לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת און לֵיצָנוּת א.א.וו. זֶעט צוּ אַנְטְלוֹיפְן יֶעדְן טָאג צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ.

וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי

רִיכְטִיגְקַייט פוּן דֶעם ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד״ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט זִיךְ צוּ טַעֲנָה׳עֶן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּערְן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד״. ״טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳״ - פְּרוּבִּירְט עֶס אַלֵיין אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען ווִי גֶעשְׁמַאק אוּן זִיס דָאס אִיז. וֶוען אִיר וֶועט זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד״ וֶועט אִיר שְׁפִּירְן אַלֶע גוּטֶע טַעֲמִים דֶערִין, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן אַ חִיוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָשׁ ״תּוֹרָה לִשְׁמָהּ״ מֶען לֶערְנְט נָאר פַאַרְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רָב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַאַרְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיב וֶועט אִיר מִיר פָאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### יד.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער און

בִּיטֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶועעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיטְן צִיל צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריקַייט וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת. אִיר זָאלְט אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. שִׂמְחָה אִיז דֶער כְּלִי אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. ווִי מֶער פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע יְשׁוּעָה בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ. שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הַרְחָבַת הַדַעַת, אוּן וֶוען

מֶען הָאט הַרְחָבַת הַדַעַת קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט, מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע רוּחְנִיוּת'דִיגֶע אוֹרוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר דֶערְהַאלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אִיז נָאר צוּ אוֹיסְלַייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע גוּף, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלַייטֶערְן נָאר דוּרְךְ שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אִיר הָאט יִסוּרִים, חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ט) ״טוֹב מְאֹד זוּ מִדַת יִסוּרִין, שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיוֹת בָּאִים לְחַיֵי עוֹלָם הַבָּא״ - דִי יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר אִים, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ חַיֵי עוֹלָם הַבָּא. דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר בַּאקוּמְט דִי יִסוּרִים וָואס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן אֵייעֶר גוּף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר.

גֶעדֶענְקְט גוּט וָואס דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) כָּל שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסוּרִין. וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים״ - וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים יִסוּרִים,

און אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אִיךְ בִּין

נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיְסוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיְסוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרִי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסוּרִין

יוֹתֵר מִן הַטוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָוֹון שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסוּרִין נִמְחָל לוֹ״ - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט ווִי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט יִסוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקֶן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

און דִי עֵצָה זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן יִסוּרִים אִיז צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, און צוּ מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסוּרִים מַאכְט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק צוּ דִי אוֹיגְן און עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

און דורך דֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ מְחַדֵשׁ זַיין אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. חֲזַ״ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ו׳) ״אִם רָאִיתָ שֶׁיִּסּוּרִים מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי תּוֹרָה, וּמִיַּד הַיִּסּוּרִים בּוֹרְחִין מִמְּךָ״ - אוֹיבּ זֶעסְטוּ אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר יִסוּרִים, זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדְן טָאג, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע יִסוּרִים בְּגַשְׁמִיוּת און בְּרוּחֲנִיוּת, בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַדֵשׁ זַיין אַזוֹיפִיל חִידוּשֵׁי תּוֹרָה און אַזוֹיפִיל סְפָרִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער, אִיר זָאלְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אִיר זָאלְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיר זָאלְט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן אַזוֹי וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן נָאר רַחֲמִים וְחַסָדִים גְמוּרִים.

## טו.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ הָאבְּן ״אֱמוּנַת חֲכָמִים״ צוּ גְלֵייבְּן אִין דִי

הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"א) אַז וֶוען מֶען הָאט "אֱמוּנַת חֲכָמִים" דַאן וֵוייסְט מֶען וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן, מֶען וֵוייסְט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין "אֱמוּנַת חֲכָמִים" צוּ גְלֵייבְּן אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, אוּן מְקַיֵים זַיין אִין פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר הֵייסְט. דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן "אֱמוּנַת חֲכָמִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קכ"ג).

וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אֱמֶת'דִיג "אֱמוּנַת חֲכָמִים", אִיר וֶועט גְלֵייבְּן אוּן רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין יֶעדְן מַצָב, אִיר וֶועט שְׁטֶענְדִיג ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

גֶעדֶענְקְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס אֲפִילוּ זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן, אוּן זִיכֶער קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן אַנְדֶערֶע. סְפֶּעצִיעֶל אִינֶעם לֶעצְטְן דוֹר, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט דַאן זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אַזוֹי סַאךְ וִוי דִי בְּלֶעטֶער פוּן בוֹים, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שוּם שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שוּם פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים, אֲפִילוּ מִיט דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיךְ בַּיי אוּנְז צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג ? דֶער סִימָן דֶערְצוּ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ע״ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק דַאן פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ שִׁפְלוּת, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען בַּאקוּמְט דָארְט אַ גַאֲוָה אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַז נָאר עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי אַ פַאלְשְׁן מַנְהִיג אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. פוּן אַן אֱמֶת׳ן צַדִיק בַּאקוּמְט מֶען שִׁפְלוּת.

נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא אַז אַן אֱמֶת׳עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעס אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בֵּיי אַן אֱמֶתְ׳ן צַדִיק.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיין דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִיק. עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן אַלֶע תִּקוּנִים אוּן פַארֶעכְטְן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיר זָאלְט כָּארְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִיר זָאלְט זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַריינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם

פָּאלִיטִיק. דֶער רֶבִּי אִיז דֶער אָרוֹן וָואס דָארְט לִיגְט דִי לוּחוֹת, אוּן בַּיי דִי אָרוֹן הָאט דֶער אָרוֹן אַלֵיין גֶעטְרָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אִיר גֶעטְרָאגְן, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי טוּט אַלֶעס אַלֵיין.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר גֵיין צוּם רֶבִּי׳נְס צִיוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער אִיר זָאלְט נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין דָארְט אַ פִירֶער, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם פַּארְטֵייעֶן, אִין קַיין שׁוּם גְרוּפֶּעס, נָאר אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן מִיטְן רֶבִּי׳נְס סְפָרִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, מְמֵילָא וֶוען מֶען וִויל זַיין אֱמֶת׳דִיג מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן אִיז דָאס נָאר

וֶוען מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, און דַאן וֶועט אִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיבּ וֶועט אִיר מְקַיֵים זַיין דָאס אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועט אַייךְ זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג.

## טז.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ גֶעלָאפְן דְרֵיי און צְוָואנְצִיג יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דִי צַוָואָה, שׁוֹין יָארְן צוּרִיק אִינֶעם טָאג כ״א אִיָיר תשמ״ח, און הַיינְט אִיז שׁוֹין כ״ד אֲדָר ב׳, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ שְׁנַת ה׳תשע״א. און אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ יֶעצְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אִיךְ שְׁפִּיר שְׁטַארְקֶע שְׁטֶעכֶענִישְׁן בַּיים הַארְץ, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ

גֶעקְלֶערְט צוּצוּלֵייגְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע שׁוּרוֹת צוּ דִי צַוָואָה וָואס אִיךְ הָאבּ דַאן גֶעשְׂרִיבְּן.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים דִי טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ סֵיי דִי וָואס וואוֹינֶען אִין יַבְנְאֵל אוּן סֵיי דִי וָואס וואוֹינֶען אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִין דִי פַּארְלָאפֶענֶע יָארְן, פוּן דֶעם טָאג וָואס אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין יַבְנְאֵל. אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיף אַזַא וֶועג אַז מֶען קֶען דָאס גָארְנִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל.

דֶער ״סַמַךְ-מֶם״ אַלֵיין אִיז אוֹיפְגֶעשְטַאנֶען אוֹיף מִיר, און עֶר הָאט זִיךְ אַהֶער גֶעשְטֶעלְט ווִי דֶער ״אָרְטִיגֶער רָב״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע בּוּשָה וְחֶרְפָּה אַז אַזוֹי זֶעהן אוֹיס דִי רַבָּנִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דִי אַזוֹי-גֶערוּפֶענֶע רַבָּנִים זֶענֶען דִי וָואס פִירְן אַרָאפּ אִידְן פוּן אִידִישְקַייט, דִי מִקְוֶה דָא אִיז בִּכְלַל נִישְט גֶעוֶוען כָּשֵר, עֶס אִיז נִישְט גֶעוֶוען קַיין רֶעגְן וַואסֶער אִין דִי מִקְוֶה, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז גָארְנִישְט גֶעוֶוען מֶער פוּן אַ פָּשוּטֶע וַואנֶע, און אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדְן מַכְשִיל גֶעוֶוען מִיט בִּיטֶערֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. דִי עֵירוּב אִין שְטָאט אִיז נִישְט גֶעוֶוען כָּשֵר, עֶר הָאט מַכְשִיל גֶעוֶוען דִי אִידְן מִיט דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן חִילוּל שַבָּת.

דַאן הָאבּ אִיךְ אַלֵיין אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַ כָּשֵׁר׳עֶ מִקְוֶה, מִיר הָאבְּן אַלֵיין פַּארָאכְטְן דֶעם עֵירוּב. אָבֶּער דִי צָרוֹת און יִסוּרִים וָואס מִיר הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט, דִי פִּילֶע מְסִירוּת וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶע׳מַסְרְ׳ט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן, אִיז מַמָש נִישְׁט צוּם בַּאשְׁרַייבְּן. דִי פִּילֶע רִשְׁעוּת און אַכְזָרִיוּת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן פַּאר אוּנְזֶער קְהִלָה אִיז מַמָש אוּמְבַּאגְרֵייפְלֶעךְ. און נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר עֶר שְׁפִּילְט נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דֶער נִרְדָף, אַז מֶען רוֹדְפְ׳ט אִים גָאר.

אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן לֶערְנֶען אוּנְטֶער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אִין אַלְטֶע פַּארְשִׁימְלְטֶע קַארַאוָוענֶען (טְרֶעילֶערְס). אִין דִי ווִינְטֶער אִיז דָארְט זֵייעֶר קַאלְט און עֶס רֶעגְנְט אַרַיין, און אִין

דִי זוּמֶער קֶען מֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע הִיצְן. דִי צַעַר אוּן יִסוּרִים וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער, קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין. אִיךְ רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן דִי אַנְדֶערֶע רִשְׁעוּת אוּן אַכְזָרִיוּת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהֶעצְט אַלֶע אָרְטִיגֶע אַיינְוואוֹינֶער קֶעגְן אוּנְז, מַמָשׁ וִוי אַ גוֹי׳אִישֶׁער גַלַח מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד. עֶר הָאט אוּנְז גֶע׳מַסְרְ׳ט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל. דְרַיי מָאל הָאט עֶר צוּשְׁטֶערְט דִי פְּלֶענֶער צוּ בּוֹיעֶן דֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן דָאס אַלֶעס מִיטְן אוֹיסְרֵייד וִוי לְמָשָׁל אוּנְז הָאבְּן אִים גֶע׳רוֹדְפְּ׳ט.

בָּרוּךְ ה׳ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִדְרָשׁ, נָאכְן וַוארְטְן אוּן הָאפְן

דֶערוֹיף גַאנְצֶע פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר. פוּן דִי מִינוּט וָואס אִיךְ בִּין אַרֵיין אִין יַבְנְאֶל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעוָואלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי גְרוֹיסֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן נָאר וֶועגְן זַיינֶע מְסִירוּת הָאט זִיךְ עֶס אָפְּגֶעהַאלְטְן בִּיז יֶעצְט, אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט הָאט מֶען צוּלִיבּ אִים עֶס גֶעמוּזְט פַארְקְלֶענֶערְן.

בָּרוּךְ ה' אַז דֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, גֵייעֶן מִיר שׁוֹין אַרֵיין דַאוֶונֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמִּדְרָשׁ בְּסִימָן טוֹב וּמַזָל טוֹב. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז פוּן דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ זָאל מֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ, עֶס זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה אוֹיף וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר.

[עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין אִין יַבְנְאֵל, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר שֶׁענְקֶען דָאס לֶעבְּן וֶועל אִיךְ עֶס אָפְּשְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת אִינֶעם סֵפֶר פוּן מַיין לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע "רִגְעֵי מוֹהַרָא"ש"]

יז.

אִיךְ ווִיל מְגַלֶּה דַעַת זַיין בְּרַבִּים אַז אַזוֹי ווִי פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט מֶענְטְשְׁן, פוּן יָאר ה'תשכ"ד אוּן בְּעִיקָר פוּן עֶרֶב חֲנוּכָּה תשכ"ד וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, הָאט מֶען שׁוֹין פוּן דֶעם אָפְּגֶעדְרוּקְט נֵיין אוּן אַכְצִיג חֲלָקִים

פוּנֶעם סֵפֶר שׁוּ״ת ״אַשֶׁר בַּנַּחַל״, וָואס הַאלְט שׁוֹין בַּיי צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז שׁוֹין דָא גְרֵייט צוּם דְרוּק נָאךְ פוּפְצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט אָפְּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוְון, אוּן מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן ״כָּל הַזְכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת״, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן. נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן ״אַשֶׁר בַּנַּחַל״ וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער

בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן ווארויל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן.

אוּן אַז אִיךְ רֶעדְט שׁוֹין פוּן בָּחוּרִים, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קַאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת.

אוּן אִיךְ בִּין מְגַלֶּה דַעַת אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק, וֶועל אִיךְ זַיין

פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר און זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר ריכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג.

מִיט דֶעם עֶנְדִיג אִיךְ מַיין צַוָואָה פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים און אִיר קֶענְט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, סֵיי בַּיי מַיין לֶעבְּן און סֵיי נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אָמֵן וְאָמֵן.

דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי בְּרִיוְון וָואס מוֹהַרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פַארְן הִסְתַּלְקוּת.

## דִי בְּרִיוו פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בעזה״י יוֹם ה׳ לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט״ז בִּשְׁבַט ה׳תשע״ה שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוֹב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל כְּלָלִיּוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְקָרִים דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר הוי״ה עֲלֵיהֶם יַשְׁרֶה שְׁכִינָתוֹ תָּמִיד

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּ מִיר זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ ״הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ״ אִין זֵייעֶר שְׁטָאט, אִין

דִי גֶעגְנְט וואוּ זֵיי וואוֹינֶען.

אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְט אִיר קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַּאר דֶעם. וֶוען אִיר וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן אִיר וֶועט דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר אַ יְשׁוּעָה, וֶועל אִיךְ זַיין פַּאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה**

# דִי בְּרִיווּ פַאר דִי בָּחוּרִים

בעזה״י יוֹם ה׳ לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט״ז בִּשְׁבַט ה׳תשע״ה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה לִינִיקֵי הַצֹּאן הַתַּלְמִידִים הַיְקָרִים אֶצְלִי אֵלוּ שֶׁלוֹמְדִים בְּמִסְגֶּרֶת ״הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ״ בְּ״בֵית מְנַחֵם״ וְכֵן בְּ״בֵית שְׁלֹמֹה״ וּבְ״תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה״

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אַז אוֹיבּ אִיר וִוילְט עֶפֶּעס טוּן פַאר מַיין זְכוּת, זָאלְט אִיר נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע מַסֶכְתָּא גְמָרָא אִיר וִוילְט, אוּן אִיר זָאלְט דָאס אִיבֶּער׳חַזֶר׳ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

אִיר זָאלְט מַזְכִּיר זַיין מַיין נָאמֶען וֶוען אִיר לֶערְנְט דִי מַסֶכְתָּא, אוּן אִיר קֶענְט אַייךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי הוֹיךְ אִיר וֶועט מִיר אוֹיפְהֵייבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַבֶר'ן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וֶועלְכֶע גְלִיטְשְׁן לַיידֶער אַוֶועק. אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, אִיר זָאלְט דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דָארְטְן, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַּאר דֶעם. אִיךְ וֶועל הֶערְן וָואס אִיר זֶענְט מִתְפַּלֵל, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן אַייךְ צוּ הֶעלְפְן אוֹיבְן אִין הִימְל.

אִיר זָאלְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ הָאבְן גוּטֶע מִדוֹת, אוּן אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אוֹיבְן אִין הִימְל.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה**

## דִי בְּרִיוו פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

בעזה״י יוֹם ה׳ לְסֵדֶר יִתְרוֹ ט״ז בִּשְׁבַט ה׳תשע״ה שָׁלוֹם רַב צוּ אַלֶע טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין צְנִיעוּת.

קוּקְט וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּם סוֹף, אוּן נֶעמְט אַייךְ פָאר צוּ זַיין צְנִיעוּת׳דִיג, אוּן מִיט דֶעם וֶועט אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהִיטְן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע וָועלְכֶע הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, זָאל אַייךְ אוֹיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם, אוּן וָואס אִיר וֶועט בֶּעטְן בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה**